בעזהשי"ת

פרשת שמות

בראַיעקט:

# "לערן הלכות שבת"

עפ"י הוראת הרב שמואל פעלדער שליט"א

דומ"ץ דבית מדרש גבוה לייקוואוד

**א) איז עס מותר צו עסן פאר קידוש פרייטאג צו נאכטס אדער שבת אינדערפרי?**

עס איז אסור צו עסן פאר קידוש סיי פרייטאג צו נאכטס און סיי שבת אינדערפרי. עס איז אפילו אסור צו נעמען א טרינק וואסער. עס איז אבער יא מותר צו נעמען מעדיצין, און מען מעג אראפשלינגען די פילן מיט וואסער.

**ב) איז עס מותר צו טרינקען וואסער אדער קאווע שבת אינדערפרי פאר'ן דאווענען?**

יא. פאר א מאן, הייבט זיך אן דער איסור פון נישט טרינקען פאר קידוש שבת אינדערפרי נאך ער האט געענדיגט דאווענען. בדרך כלל, פאר א פרוי הייבט זיך אן די איסור פון טרינקען פאר קידוש נאך זי האט געדאווענט ברכות. אבער, אויב א פרוי דאווענט געווענטליך און איז פארזיכטיג נישט צו עסן ביז זי האט געענדיגט דאווענען, מעג זי טרינקען קאווע אדער וואסער אפילו נאך זי האט געזאגט ברכות, און דער איסור פון נישט טרינקען פאר קידוש וואלט זיך אנגעהויבן נאך זי האט געענדיגט דאווענען.

**ג) אויב איינער האט יוצא געווען קידוש, איז עס מותר פאר אים נאכאמאל צו מאכן קידוש פאר זיין ווייב און קינדער?**

יא, ער מעג. באמערקט אז דאס גייט נאר אן ביי קידוש, אנדערש איז אבער ביי הבדלה, וויבאלד א מאן האט יוצא געווען הבדלה זאל ער בעסער נישט נאכאמאל מאכן הבדלה פאר זיין ווייב און טעכטער, ווייל עס איז א שאלה אויב פרויען זענען בכלל מחויב אין הבדלה. אנשטאט דעם, זאל זיין ווייב\טאכטער מאכן הבדלה אליין. א מאן וואס האט יוצא געווען הבדלה, מעג נאכאמאל מאכן הבדלה פאר זיין זון.

**ד) איז עס מותר צו מאכן קידוש אויף א גלעזל בראנפן?**

לויט פיל פוסקים איז דאס אסור; דערפאר זאל מען זיך נאר אזוי פירן אויב עס איז זיין מנהג אזוי צו טוען, אדער אויב מען וועט ממילא יוצא זיין קידוש פון איינעם אנדערש. די וואס זענען מקיל, און זענען מתיר צו מאכן קידוש אויף בראנפן פסק'ענען אז מען דארף טרינקען א גאנצע געווענליכע בראנפן גלעזל (איין fluid ounce) יוצא צו זיין די חיוב פון קידוש.

באמערקונג: ליקער (צוגעלייגט א טעם, זיסע אלקאהאלישע געטראנקען) איז נישט אריינגערעכנט אין דעם קולא און מען טאר עס נישט נוצן יוצא זיין די חיוב פון קידוש.

דער חפץ חיים זי"ע ברענגט אין נאמען פון רבי'ן ר' י'הונתן אייבשיץ זי"ע, אז אויב א מענטש לערנט נישט אדורך די הלכות פון שבת, דאן איז אוממעגליך ער זאל נישט עובר זיין אויף זאכן וועלכע מען טאר נישט טוהן אום שבת.

לזכות רפו"ש חי' מלכה בת בתשבע בתשח"י